# מצורע

**א. אין סוף הלכות מחוסרי כפרה פסק'נט דער רמב"ם[1]: עשיר שאמר קרבנו של מצורע זה עלי[1*] והמצורע הי' עני הרי זה מביא על ידו קרבנות עשיר שהרי יד הנודר משגת. ועני שאמר קרבנו של מצורע זה עלי והי' המצורע עשיר הרי זה מביא על ידו קרבנות עשיר שהרי זה הנודר[2] חייב בקרבנות עשיר.**

איז לכאורה ניט מובן: אין ערשטן פאל — למאי נפק"מ צי „יד הנודר משגת", וואס דערפאר דארף ער ברענגען קרבנות עשיר — ער האט אויף זיך אנגענומען „קרבנו של מצורע זה" און יענער מצורע איז אן עני, היינט פארוואס זאל ער נתחייב ווערן אין קרבנות פון אן אנדער מצורע — אן עשיר?

אין גמרא שטייט[3]: „ואע"ג דמדירו עשיר (בתמי'[4]) ואם דל הוא אמר רחמנא, ולא דל הוא". די שאלה איז אבער: וויבאלד דער נודר איז ניט מחוייב געווארן אין א קרבן מצורע כלל וכלל, ס'איז נאר וואס ער נעמט אויף זיך א חיוב פון דעם עני — איז מהיכא תיתי אז אין אזא פאל זאל זיך אויף אים לייגן א חיוב צו ברענגען קרבנות עשיר[5]? מצורע עשיר מאן דכר מציאות שלו?!

אין צווייטן פאל איז ניט גלאטיק לשון הרמב"ם — „שהרי זה הנודר חייב בקרבנות עשיר": דער רמב"ם האט לכאורה געדארפט זאגן „שהרי זה המצורע חייב בקרבנות עשיר" (ד.ה. וויבאלד דער מצורע איז אן עשיר, מוז דעריבער דער נודר, וואס וויל פטר'ן יענעמ'ס חיוב[6], ברענגען קרבנות עשיר).

**ב. נאך א תמי' אין דעם ענין:**

דעם אויבנדערמאנטן דין ברענגט דער רמב"ם פריער, אין הלכות מעשה הקרבנות[7], וז"ל: האומר קרבן מצורע זה או יולדת זו עלי אם הי' אותו מצורע או היולדת עניים מביא הנודר קרבן עני, ואם היו עשירים מביא הנודר קרבן עשיר אע"פ שהנודר עני.

איז עס דאך א סתירה פון איין הלכה אויף דער צווייטער[8]: ווי פסק'נט דער רמב"ם אין הל' מעשה הקרבנות „מביא הנודר קרבן עני" סתם — בשעת ער

---

1) ממשנה וגמרא ערכין (יז, א־ב).

*1) כ"ה בדפוס רומי רמ ועוד, וכן הועתק בכס"מ (וכל' המשנה שם). וכ"ה בהל' מעה"ק שהובא לקמן בפנים. — אבל בדפוסים הנפוצים „עליו" (אף שבבבא הב' הגירסא „עלי").

2) כן הוא בכל הדפוסים שראיתי.

3) ערכין שם, סע"א.

4) רש"י. ובקרבן אהרן לתו"כ פרשתנו (יד, כא) מפרש: שאיך יתכן שעשיר יביא קרבן עני וזה הקרבן לא התירה אותו התורה אלא למי שהוא דל כו' (ע"ש). וראה הערה הבאה.

5) ובפרט את"ל ד„מה שהתורה פטרה עני מקרבן עשיר" הוא (לא „משום דאין לו", „מחמת עוני", אלא) ד„הדין כך", הוא „פטור בעצם" (צפע"נ להל' נזירות פ"ח הי"ח. שם קונטרס השלמה כו, ב). וראה לקמן הערה 30.

6) ראה לקמן סעיף ג והערה 17.

7) פי"ד ה"ט.

8) ראה גם צפע"נ להל' נזירות שם.

זאגט בפירוש אין הל' מחוסרי כפרה[9] אז אויב דער נודר איז אַן עשיר מוז ער ברענגען „קרבנות עשיר"?

דער כסף משנה[10] באַוואָרנט עס און זאָגט, אַז דער רמב"ם „לא חשש לפרש כאן לפי שסמך על מ"ש שם". אָבער דער תירוץ איז מתאים נאָר לויט שיטת הכס"מ[11], אַז דער רמב"ם בספרו פאַר־לאָזט זיך אין איין אָרט אפילו אויף דעם וואָס ער שרייבט אין אַ ווייטערדיקן אָרט. אָבער לויט די דיעות — וכן מסתבר, לכאורה — אַז דער רמב"ם פאַרלאָזט זיך נאָר „על[12] מ"ש כבר במקום אחר הקודם לזה אבל שנאמר שסומך כאן על מה שיבא לפנינו היא סמיכה שאין בה עמידה" — האָט דאָך דער תירוץ קיין אָרט ניט.

ג. וי"ל, אַז אין דעם דין זיינען פאַ־ראַן צוויי גדרים: מצד דעם גדר פון מעשה הקרבנות איז מספיק אַז דער עשיר זאָל ברענגען פאַר דעם מצורע עני קרבנות עני (און אויב דער מצורע איז אַן עשיר — דאַרף ער פאַר אים ברענגען, כנדרו, קרבנות עשיר); משא"כ מצד הל' מחוסרי כפרה איז דער עשיר מחוייב צו ברענגען (פאַרן מצורע העני) קרבנות עשיר[13].

והביאור בזה:

דער דין איז[14], אַז „חטאת ואשם . . אינן באין בנדר ובנדבה, האומר הרי עלי חטאת או אשם . . לא אמר כלום". אָבער ווען איינער זאָגט „חטאתו כו' של פלוני עלי, אם רצה אותו פלוני הרי זה מניחו להקריבן על ידו ומתכפר לו"[15].

ויש לומר, אַז אין דעם דין (אַז מען קען ברענגען אַ חטאת כו' פאַר אַ צווייטן וועלכער איז מחוייב אין דעם) זיינען פאַראַן צוויי חידושים:

א) מצד הלכות נדרים — אע"פ אַז „האומר הרי עלי חטאת . . לא אמר כלום" (עס ווערט ניט אויף אים קיין חיוב לקיים נדר), איז במה דברים אמורים ווען אין דעם קרבן חטאת כו' איז ניטאָ קיין צד חיוב; אָבער ווען דער נודר זאָגט „חטאתו כו' של פלוני (אַ מחוייב בדבר) עלי", לייגט זיך אויפן נודר אַ חיוב צו ברענגען דעם קרבן מצד דין נדר[16].

ב) מצד דעם מתכפר[17] — עם היות אַז דער חיוב צו ברענגען דעם חטאת כו' איז, חל, כמובן, נאָר אויף דעם וואָס איז באַגאַנגען דעם חטא (אָדער ער געפינט זיך אין אַ מצב וואָס פאָדערט אַ כפרה — וכנדו"ד, אַ מצורע) — האָט אָבער תורה מחדש געווען, אַז מצד דער ערבות פון אידן (כל ישראל ערבין זב"ז[18]) קען אַ צווייטער איד ברענגען די

9) וכן מפורש בגמ' ערכין שם, דמתני' (שם) „הי' מצורע עני מביא קרבן עני" איירי „כשהי' מדירו עני . . אבל מדירו עשיר ה"נ דמייתי בעשירות".

10) הל' מעה"ק שם.

11) ראה יד מלאכי כללי הרמב"ם אות ו.

12) יד מלאכי שם, וש"נ.

13) ע"ד (ולא ממש) חיוב בצדקה מצד הל' דעות או צדקה ומתנ"ע וכיו"ב (ראה לקמן ע' 219 ואילך).

14) רמב"ם הל' מעה"ק שם ה"ח.

15) שם ה"י.

16) להעיר מצפע"נ שם „דהאומר סתם קרבנות של פלוני עלי אינו ר"ל לפטור את פלוני". ע"ש.

17) להעיר מצפע"נ שם, ד„גבי מחוסרי כפרה . . סתמא ג"כ הוה כמו לפטור".

18) שבועות לט, סע"א. וש"נ. פרש"י בחוקתי כו, לז. ובכ"מ.

קרבנות „על ידו", און דעם צווייטנ'ס קרבן טוט אויף די כפרה פונעם חוטא (אָדער פון דעם מחוסר כפרה — מצורע).

ד. און דאָס איז נקודת החילוק צווישן די צוויי דינים — אין הלכות מעשה הקרבנות און אין הלכות מחוסרי כפרה:

אין הל' מעשה הקרבנות קומט דער דין פון „האומר קרבן מצורע זה . . עלי" בהמשך צו דיני נדרים ונדבות שבקרבנות[19], והיינו, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם חיוב וואָס ליגט אויפן נודר צו מקיים זיין נדרו — און דערפאַר זאָגט דער רמב"ם אַז „מביא הנודר קרבן עני" (אפילו ווען דער נודר איז אַן עשיר) — ווייל דער דיבור הנדר איז דאָך געווען „קרבן מצורע זה . . עלי", ער האָט אויף זיך אָנגענומען די קרבנות פון דעם מצורע; און וויבאַלד דער מצורע איז אַן עני, איז ער מצד הלכות נדרים מחוייב צו ברענגען אַ קרבן עני[20] (וכמו"כ לאידך — „אם היו עשירים מביא הנודר קרבן עשיר אע"פ שהנודר עני").

משא"כ אין הל' מחוסרי כפרה איז דער תוכן — כפרת המצורע, ובמילא איז די הדגשה דאָ אויף דעם וואָס דער נודר ברענגט דעם קרבן (ניט צו יוצא זיין זיין חיוב (מצד נדרו), נאָר) צו אויפטאָן דעם חסרון הכפרה פאַרן מצורע.

[וואָס דאָס איז דער דיוק אינעם שינוי הלשונות פון רמב"ם — אין הל' מעשה הקרבנות איז לשון הרמב"ם „מביא הנודר קרבן עני", משא"כ אין הל' מחוסרי כפרה — „מביא על ידו קרבנות עשיר": אין הל' מעשה הקרבנות רעדט זיך ווי אַזוי דער נודר איז מחוייב צו אויספירן דורכן קרבן זיין נדר[21] — „מביא הנודר"; משא"כ אין הל' מחוסרי כפרה איז דער עיקר מדובר וועגן דעם קרבן וואָס ער דאַרף ברענגען צוליב כפרת המצורע — „על ידו"].

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס אין הל' מחוסרי כפרה זאָגט דער רמב"ם „מביא על ידו קרבנות עשיר" — ווייל דער דין מצד „מחוסרי כפרה" איז, אַז מצד ענין הערבות קען אַ צווייטער איד איבערנעמען אויף זיך די הבאת הקרבן פונעם מצורע (כאילו דער נודר וואָלט געווען דער מצורע). און וויבאַלד דער נודר ווערט דער מביא ומקריב פון דעם קרבן מצורע, דערפאַר ווערט (אין דעם פרט) געמאָסטן לויטן הישג יד (ניט פונעם מצורע, נאָר) פון דעם נודר[22], און

---

19) שבזה מתחיל פרק יד מהל' מעה"ק: מתנדב אדם כו'.

20) ראה ערכין שם, ב: ולרבי כו' בתר חיובא דגברא אזלינן — והרי לשיטת הרמב"ם (בפיה"מ ערכין שם) „אין בין רבי וחכמים מחלוקת" (ועייג"כ רמב"ם הל' ערכין פ"ג ה"ו ובראב"ד ונ"כ שם). וראה תוי"ט למשנה ערכין שם. ואכ"מ.

21) ולכן הקדים הרמב"ם (בהל' מעה"ק) הלכה זו לפני ההלכה (הנ"ל) „האומר חטאתו כו' של פלוני עלי . . ה"ז מניחו להקריבן על ידו ומתכפר לו" — דלכאורה תמוה, איך מתאים לכתוב ההלכה ד„האומר קרבן מצורע זה . . עלי" קודם כתבו שמותר לאחר להביא קרבנות של פלוני עבורו — כי הדין ד„האומר קרבן מצורע זה . . עלי" הוא לא כדי „להקריבן על ידו" כ"א רק בשביל קיום נדרו. ואכ"מ.

22) והא ד„מביא אדם על ידי בנו כו' בתו כו' קרבן עני" (נגעים פי"ד מי"ב. רמב"ם הל' שגגות פ"י ה"ו) — יש לחלק בין מי שמתחייב בעצמו (ע"י נדרו) [ומביא בשביל השני מצד ענין הערבות] שאז הוא לפי הישג ידו, ובין האב שמביא בשביל בנו כו', שבזה הוא רק כשלוחו של הבן כו' ולכן הוא לפי הישג יד הבן כו'. וראה תוספות חדשים ומשנה אחרונה נגעים שם.

אויב „יד הנודר משגת" דאַרף ער ברענ־גען קרבנות עשיר, ווייל „ואם דל הוא אמר רחמנא, ולא דל הוא".

ה. עפ"ז איז אויך מתורץ לשון הרמב"ם אין צווייטן פאַל „ועני שאמר . . והי' המצורע עשיר ה"ז מביא . . קרבנות עשיר שהרי זה הנודר חייב בקרבנות עשיר":

עם היות אַז מצד „הלכות מחוסרי כפרה" רעכנט מען זיך טאַקע מיטן השג יד פון דעם (נודר) מביא הקרבן כנ"ל, און וויבאַלד דער מביא הקרבן איז אין דעם פאַל אַן עני, דאַרף ער ברענ־גען אַ קרבן עני — פונדעסטוועגן דאַרף ער אין דעם פאַל ברענגען קרבנות עשיר, ווייל „זה הנודר חייב בקרבנות עשיר" — מצד זיין נדר האָט ער זיך מתחייב געווען צו ברענגען „קרבנו של מצורע זה" (וועלכער איז אַן עשיר), דאַרף ער במילא ברענגען קרבנות עשיר (ווי דער רמב"ם זאָגט אין הל' מעשה הקרבנות, כנ"ל).

דער ביאור איז אָבער ניט אינגאַנצן גלאַטיק. ווייל דער רמב"ם זאָגט אויך אין צווייטן פאַל „מביא על ידו קרבנות עשיר", וואָס פון דער הדגשה איז משמע, כנ"ל, אַז זיין חיוב צו ברענגען „קרבנות עשיר" איז (ניט בלויז צוליב קיום הנדר, נאָר) אויך צוליב כפרת המצורע[23].

[ובפרט אַז ס'איז אַ נפק"מ להלכה: אויב דער חיוב צו ברענגען „קרבנות עשיר" איז בלויז מצד קיום הנדר און ניט מצד כפרת המצורע — דאַרף אויס־קומען, אַז בדיעבד, אויב דער נודר (העני) האָט געבראַכט קרבנות עני, ווערט דער מצורע נתכפר, נאָר דער נודר האָט ניט יוצא געווען נדרו — משא"כ ווען דאָס איז אַ חיוב אויך מצד כפרת המצורע, כמובן].

ויש לומר הביאור בזה:

אע"פ אַז דער נודר עצמו איז אַן עני, און עס וואָלט זיך געדאַרפט מעסטן לויט זיין השג יד[23] — וויבאַלד אָבער אַז מיט זיין נדר האָט ער זיך מתחייב געווען אין קרבנות עשיר, איז עס כאילו ווי דער נדר גופא האָט אויף אים גע־פועל'ט ער זאָל האָבן דעם גדר השג יד פון אַן עשיר — אויך צוליב כפרת המצורע — און דערפאַר איז ער „מביא על ידו קרבנות עשיר". ועי"ד וואָס נשבעין לקיים מצות[24] ווייל דאָס ווערט עס בטבע ובפועל מזרז זיין זיך מתייגע זיין לקיים שבועתו — ביז יגעת ומצאת[25].

ו. דערפון האָט מען אַ הוראה נפלאה אין דעם גודל הכח פון אהבת ישראל און אחדות ישראל:

צום אַלעם ערשטן זעט מען, ווי איין איד קען אויפטאָן פאַר אַ צווייטן אידן אַזוי פיל, אַז דורך זיין ברענגען אַ קרבן ווערט נתכפר אַ צווייטער איד; און ניט נאָר אין אַ פאַל ווען דער צווייטער איז אַן עני און איז ניט בכוח צו ברענגען אַן אייגענעם קרבן, נאָר אפילו ווען דער מצורע איז אַן עשיר, קען אַ צווייטער איד (און — אַן עני!) ברענגען פאַר אים זיין קרבן.

23) ולהעיר שיש לימוד מיוחד דעני המדיר מצורע עשיר מביא קרבנות עשיר (ערכין שם, ריש ע"ב. תו"כ פרשתנו יד, כא).

24) נדרים ח, רע"א. וש"נ.

25) מגילה ו, ב.

און דאָס איז עד כדי כך — אַז ברענגענדיק דעם קרבן ווערט דער נודר אַנגענומען אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער וואָס דאַרף די כפרה און מ'רעכנט זיך מיט'ן נודר'ס השיג ידו!

וואָרום דאָס איז דער אמת'ער ענין פון אחדות ישראל, אַז אידן זיינען ווי איין גוף (כמבואר בירושלמי[26]), וואָס דערפאַר, בשעת עס איז דאָ אַ פגם און חסרון ביי איין אידן ר"ל (אין איין "אבר" דגוף זה), ווערט דאָס נרגש אין אַלע "אברים" פון דער קומה כללית[27] (כלל ישראל). ווייל ס'איז ניט בלויז "יענעם'ס" חסרון ופגם, נאָר אַן אייגענער חסרון ופגם.

[וכמבואר[28] דער טעם פאַרוואָס אויך צדיקים זאָגן דעם נוסח הווידוי "אשמנו כו'" — כאָטש זיי זיינען ניט שייך צו אַ חטא[29] ובפרט צו כו"כ פון די אויסגערעכנטע חטאים — ווייל "כל ישראל" זיינען ווי אַ "גוף אחד", ו"זה הערבות שאדם ערב בשביל חבירו אם יחטא"].

ז. אויך ווערט דאָ מודגש נאָך אַ גרעסערער ענין — אַז בשעת אַ איד לייגט זיך אַריין צו פועל זיין אַ כפרה פאַר אַ צווייטן אידן אין דער צייט ווען ער אַליין איז אַן עני און דער צווייטער איז אַן עשיר — שטעלט אים תורה אַריין אין דעם גדר פון אַן "עשיר" און ער איז מחוייב צו ברענגען פאַר דעם צווייטן "קרבנות עשיר".

אויב ער אַליין וואָלט ח"ו געווען אַ מצורע — וואָלט ער ניט געווען מחוייב אין קרבנות עשיר[30]; און בשעת ער נעמט אויף זיך צו העלפן אַ צווייטן אידן — ווערט ער מחוייב אין קרבנות עשיר (אַלס זיין "השיג ידו" כנ"ל)!

וואָס דער טעם והסברה (פנימית) אין דעם איז י"ל לויט ווי מ'האָט דערציילט כמה פעמים[31], וואָס מ'האָט געזען ביים רבי'ן דעם שווער בעת עס האָט זיך געזעגנט, ... האָט מקבל געווען — ...

האָנדלט וועגן איבערדרוקן דאָ (אין ארצות הברית) צום ערשטן מאָל די תשובות פון צמח צדק — אַז ער האָט מציע געווען אַ געוויסן אידן ער זאָל מנדב זיין די הוצאות ההדפסה פון די ספרים — כאָטש אַז לפי מעמדו ומצבו איז דאָס כלל ניט געווען לויט זיין יכולת. דער איד האָט דאָס אויף זיך מקבל געווען און דער רבי האָט אים געבענטשט וכו'. דערנאָך איז דער איד נתעשר געוואָרן און האָט מצליח געווען צו אויספירן זיין הבטחה במילואה — ער האָט געגעבן דאָס גאַנצע געלט פאַרן דרוקן די ספרים.

האָט כ"ק מו"ח אדמו"ר דעמאָלט געזאָגט, אַז בשעת ער האָט געמאָנט ביים

---

26) נדרים פ"ט ה"ד.

27) לקו"ת ר"פ נצבים. ובכ"מ.

28) טעמי המצות להרח"ו פ' קדושים, הובא ונתבאר בארוכה במאמרי אדה"ז-פרשיות (ח"ב ע' תקצא ואילך), סהמ"צ להצ"צ מצות אהבת ישראל. ועוד. — וראה ס' חסידים סכ"ב, סתר"א. ט"ז או"ח סתר"ז סק"א.

29) ראה עוד ביאור — לקו"ש חכ"ה ע' 17-16. וש"נ. ולהעיר מרמב"ם הובא בחיד"א (מדבר קדמות ע' ודוי. ובכ"מ — נזכר בברית עולם לס' חסידים שם).

30) ואף שמותר לו להביא קרבן עשיר — אא"פ לחייבו בזה. ולהעיר מצפע"נ שם: וע' בהך דכריתות דף כ"ח ע"א דמצריך שם קרא דעני המביא קרבן עשיר יצא.

31) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ח ס"ע תקיג ואילך.

אידן די הבטחה איז דאָס טאַקע ניט געוועז לפי יכלתו (אפילו ניט לויט וויפל ס'איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן מלמעלה); נאָר דורך דער החלטה טובה גופא זיינען פאַר אים געעפנט געוואָרן מלמעלה נייע „צנורות" פון פרנסה, אַז ער זאָל קענען מקיים זיין הבטחתו.

ועד"ז איז דער ביאור בנדו"ד: בשעת דער אויבערשטער זעט ווי אַ איד גייט אַרויס פון זיינע הגבלות, און ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַן עני איז ער זיך משתדל יותר מכפי יכלתו פאַר דער כפרה פון חבירו העשיר — „עפנט" פאַר אים דער אויבערשטער נייע „צנורות" פון פרנסה, אַז ער זאָל קענען מקיים זיין די החלטה טובה — בעשירות.

(משיחת כ"ו תשרי תשמ"ו)

# מצורע ב

א. אין דעם סדר ווי תורה שטעלט אויס די דינים פון נגעים — געפינט מען אַ דבר פלא:

פריער, אין פרשת תזריע[1], שטייען די פרטי דינים פון נגעי אדם, און אויך פון נגעי בגדים, אָבער — נאָר די דינים השייכים צו די נגעים גופא: א) וועלכע זיינען טמא און וועלכע — טהור; ב) ווען און ווי אַזוי עס ווערט די טהרה פון די (טומאת ה)נגעים.

דערנאָך, אין אַ באַזונדער סדרה — פרשת מצורע — קערט זיך אום די תורה צו נגעי אדם און זאָגט „תורת המצורע ביום טהרתו"[2]: די דינים (און סדר) פון אַ מצורע „ביום טהרתו" כו' — „ולקח למטהר גו'": הבאת קרבנות וכו'[3].

און לאחרי דער פרשה פון „תורת המצורע ביום טהרתו" קומט די פרשה פון נגעי בתים[4]; און די פרשה — איז כולל סיי די דינים פון די נגעים עצמם, און סיי דעם סדר פון טהרת הבית (דורך שתי צפרים כו'), ע"ד דעם סדר פון אַ „מצורע ביום טהרתו".

איז לכאורה תמוה:

א) פאַרוואָס טיילט תורה פאַנאַנדער די דינים פון אַ מצורע אין צוויי באַזונדערע סדרות — וועגן די נגעים עצמם אין פ' תזריע און דעם סדר פון „יום טהרתו" וכו' בפרשתנו — און זאָגט זיי ניט בהמשך אחד, דהיינו: (א) ניט צו מפסיק זיין אינמיטן מיט די דינים פון נגעי בגדים, און (ב) זאָגןביידן אין דער זעלבער סדרה[5].

ב) פאַרוואָס שטייט די פרשה פון נגעי בתים נאָך „תורת המצורע ביום טהרתו", און ניט לפני' (בס"פ תזריע) בהמשך צו די דינים פון נגעי (אדם ו)בגדים[6]?

ג) פאַרוואָס זיינען נגעי בתים אַנדערש פון נגעי אדם, אַז ביי זיי קומט דער „סדר" פון טהרת הבית (מיט „צפרים" וכו') תיכף בהמשך צו די דיני טומאה וטהרה פון די נגעים גופא (ניט ווי ביי נגעי אדם וואָס די פרטי דינים זייערע און „תורת . . ביום טהרתו" ווערן פאַנאַנדערגעטיילט, כנ"ל)[5]?

ב. נאָך אַן ענין מיוחד געפינט מען דוקא ביי נגעי בתים, אַז דער אויבערשטער האָט מלכתחילה מודיע געווען: כי תבואו אל ארץ כנען גו' ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם[7].

זיינען פאַראַן אין דעם צוויי פירושים און הפכיים:

---

1) יג, א ואילך.

2) פרשתנו יד, ב.

3) שם, ג ואילך; שם, י ואילך.

4) שם, לג ואילך.

5) ראה אוה"ח פרשתנו יד, לד.

6) ואף שרק בנגעי בתים נאמר (פרשתנו שם) „כי תבואו אל ארץ כנען גו'", שנוהגים רק בארץ (תו"כ (וראב"ע) עה"פ. נגעים פי"ב מ"ד), או שבמדבר אין בתים לנגוע בהם (אוה"ח שם) — הרי הי' אפשר לכתוב פרשת נגעי בתים עם ההקדמה „כי תבואו גו'" לפני', בס"פ תזריע.

ולהעיר שלדעת הרמב"ן (תזריע יג, מז) גם נגעי בגדים „לא ינהגו אלא בארץ".

7) פרשתנו שם.